NEW YORK STATE | Department of Labor

WORKING FOR YOU

פארלאנגטע מעלדונג אונטער ארטיקל B-25 פון די לעיבאר געזעץ

# אכטונג אלע ארבעטערס, קאנטראקטארס און סוב-קאנטראקטארס:
# איר זענט געדעקט אונטער די געבוי אינדוסטרי פעיר פלעי אקט
# (Act Construction Industry Fair Play)

**דער געזעץ זאגט אז איר זענט אן ארבעטער אויסער אויב:**

- איר זענט פריי פון אנווייזונגען און קאנטראל מיט'ן אויספירן אייער ארבעט, **און**
- איר פירט אויס ארבעט וואס איז נישט א טייל פון די געוועגליכע ארבעט געטון דורך די ביזנעס וואס האט אייך אויפגענומען, **און**
- איר האט א זעלבסטשטענדיגע אוועקגעשטעלטע ביזנעס.

אייער ארבעטסגעבער קען אייך נישט רעכענען אלס א זעלבסטשטענדיגע קאנטראקטער אויסער אויב אלע ד ריי פון די פאקטן זענען גילטיג פאר אייער ארבעט.

**עס איז קעגן די געזעץ פאר אן ארבעטסגעבער צו נישט -ריכטיג קלאסיפיצירן ארבעטערס אלץ זעלבסטשטענדיג קאנטראקטארס אדער באצאלן ארבעטערס נישט אויף די ביכער.**

**ארבעטער רעכטן:** אויב איר זענט אן ארבעטער, זענט איר בארעכטיגט פאר סטעיט און פעדעראלע ארבעטער באשיצונגען. דאס רעכנט אריין:

- ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס בענעפיטן, אויב איר זענט ארבעטסלאז נישט צוליב אייער אייגענע שולד, מעגליך צו ארבעטן, און אנדערשוואויז קוואליפיצירט,
- ארבעטערס' פארגיטיגונג בענעפיטן פאר ביים-ארבעט וואונדן,
- באצאלונגען פאר וועידזשעס פארדינט, מינימום וועידזש, און אווער-טיים (אונטער געוויסע אומשטענדן),
- אנגייענדע וועידזשעס אויף פובליק ארבעט פראיעקטן,
- די באדינגונגען אויף די נאציאנאלע לעיבאר רילעישינס אקט (National Labor Relations Act), און
- א פארזיכערטע ארבעט ענווייראנמענט.

עס איז א פארלעצונג פון דעם געזעץ פאר ארבעטסגעבערס צו נקמה נעמען קעגן איינער וואס פארזיכערט זייער רעכטן אונטער דעם געזעץ. נקמה נעמען שטעלט אויס אן ארבעטסגעבער צו ציווילע שטראפן, א פריוואטע געריכט-קלאגע (lawsuit) אדערביידע.

**זעלבסטשטענדיגע קאנטראקטארס:** אויב איר זענט א זעלבסטשטענדיגע קאנטראקטער, **מוזט איר באצאלן אלע שטייערן און ארבעטסלאזיגקייט אינשורענסביישטייערונגען געפאדערט לויט דער ניו יארק סטעיט און פעדעראלע געזעץ.**

**שטראפן** פאר באצאלן ארבעטערס נישט אויף די ביכער אדער נישט- ריכטיג באהאנדלען ארבעטערס אלס זעלבסטשטענדיג ע קאנטראקטארס:

- **ציווילע שטראף**
  - ערשטע פארלעצונג: ביז $2,500 פער ארבעטער
  - שפעטערע פארלעצונג(ען): ביז $5,000 פער ארבעטער
- **קרימינאלע שטראף**
  - ערשטע פארלעצונג: מיסדימינער - ביז 30 טעג אין טורמע, ביז א $25,000 קנס און פארבאט צו אויספירן פובליק ארבעט פאר ביז איין יאר.
  - שפעטערע פארלעצונג(ען): מיסדימינער - ביז 60 טעג אין טורמע אדער ביז א $50,000 קנס און פארבאט צו אויספירן פובליק ארבעט פאר ביז 5 יאר.

**אויב איר האט פראגעס וועגן אייער עמפלוימענט סטאטוס אדער גלויבט אז אייער ארבעטסגעבער האט מעגליך פארלעצט אייער רעכטן און איר ווילט איינגעבן א קלאגע, רופט דער דעפארטמענט אוו לעיבאר אויף 1499-435 (866) אדער שיקט אן אימעיל צו dol.misclassified@labor.ny.gov. אלע קלאגעס פון שווינדל און פארלעצונגען ווערן גענומען ערנסט. איר קענט בלייבן אנאנימע.**

**ארבעטסגעבער נאמען:** ______________________________